

# משל'ט זיך צו לערנען

## פרשת ראה

פָּתֹחַ תִּפְתַּח אֶת יָדְךָ לְאָחִיךָ לַעֲנִיֶּךָ וּלְאֶבְיֹנְךָ בְּאַרְצֶךָ.

**אין** א קליין שטעטל, ארומגענומען מיט גרינע פעלדער און טונקעלע וועלדער, האבן געוואוינט צוויי אנגעזעענע סוחרים, וועלכע זענען שוין געווען נאענטע פריינט פון זייערע יונגע יארן. דער ערשטער האט געהייסן ר׳ אנשיל. ער האט געפירט א גרויסן געשעפט פון אלע ערליי שטאפן, און האט פארקויפט פיינע וואל, זיידן, סאמעט און ליינוואנט פאר שניידערס און קליידער-הענדלער אין דער גאנצער געגנט. ר׳ אנשיל איז געווען א רואיגער, איבערגעלייגטער מענטש. פאר יעדן גרויסן שריט וואס ער האט געטוהן, האט ער קודם גוט דורכגעטראכט אלע צדדים, איבערגעקוקט די חשבונות און נאר דערנאך געמאכט זיין באשלוס.

**זיין** גוטער פריינט האט געהייסן ר׳ בעריש. ער האט געהאנדלט מיט טייערע בשמים, קאווע, טיי, צוקער און אנדערע סחורות וואס זענען געברענגט געווארן פון ווייטע לענדער. זיין געשעפט האט שטענדיג געשמעקט מיט צימערינג, נעגל, פעפער און פרישע קאווע-בונדלעך. ר׳ בעריש איז געווען א קלוגער און פלינקער סוחר, אבער ער איז אויך געווען זייער זיכער מיט זיך. ער האט געגלייבט אז מיט זיין גוטן קאפ און אביסל חכמה קען ער זיך ארויסדרייען פון כמעט יעדע שוועריקייט. בשעת ר׳ אנשיל האט ליב געהאט זיכערקייט און סדר, האט ר׳ בעריש געהאלטן אז צופיל זהירות קומט נאר פון פחדנות און ברענגט איבריגע אויסגאבן.

**איינמאל** האט זיך געמאכט אז ביידע האבן געדארפט פארן צו א גרויסן יריד אין א ווייטע שטאט. ר׳ אנשיל האט געדארפט איינקויפן גרויסע ראלן שטאף, טייערע זיידענע טעפיכער און נייע סחורה פארן ווינטער-סעזאן. ר׳ בעריש האט געדארפט קויפן פעסער מיט קאווע, זעק בשמים און אנדערע טייערע סחורות, וועלכע זענען נאר געווען צו באקומען ביים גרויסן יריד. אויב זיי וועלן מצליח זיין גוט איינצוקויפן, וועלן זיי האבן גענוג סחורה פאר א גאנץ יאר און קענען פארדינען שיין. דערפאר האבן ביידע געדארפט מיטנעמען מיט זיך גרויסע סכומים מזומנים צו האבן גענוג און נאך, נישט צו פארפאסן א גוטן מסחר.

**די** נסיעה צום יריד איז אבער געווען פול מיט סכנות. דער וועג האט געפירט דורך געדיכטע וועלדער, טונקעלע בערג-דורכגענג און פארלאזטע שטחים, וואו גרופע׳ס גנבים האבן זיך באהאלטן צווישן די ביימער. די גנבים האבן גוט געוואוסט ווען דער יריד הייבט זיך אן, און זיי האבן אין יענע טעג אפגעווארט די סוחרים, וויסנדיג אז יעדער האט ביי זיך א שיינעם סכום געלט. ווען א וואגן איז דורכגעפארן, פלעגן זיי ארויסשפרינגען מיט ביקסן, שווערדן און שווערע שטעקנס, און האבן נישט גערוט ביז זיי האבן געפונען יעדע לעצטע מטבע.

**אין** דער נאכט פאר דער נסיעה זענען ר׳ אנשיל און ר׳ בעריש געזעסן אינאיינעם אין ר׳ אנשילס שטוב. אויף דער גרויסער האלצערנער טיש זענען געלעגן די געלט-פעקלעך, שיין צונויפגעבונדן און באזונדער אפגעציילט. ר׳ אנשילס געלט איז געווען איינגעטיילט לויט די סארטן שטאף וואס ער האט געדארפט קויפן, און ר׳ בעריש׳ס געלט לויט די פעסער קאווע, טיי און בשמים וואס ער האט געפלאנט צוריק צו ברענגען. א קליינע אויל-לאמפל האט געווארפן א געלע ליכט איבערן טיש, בשעת דער ווינט האט גערודערט אין די פענצטער.

**ר׳** אנשיל האט א לאנגע צייט אנגעקוקט די געלט, דערנאך האט ער געזאגט: ״בעריש, מיר קענען נישט פשוט אריינלייגן דעם גאנצן פארמעגן אין די קעשענעס און ארויספארן. יעדער ווייסט אז דער וועג צום יריד איז פול מיט גנבים. מיר דארפן טרעפן א זיכערע עצה.״

**ר׳** בעריש האט זיך באקוועם אנגעלענט אויפן בענקל און געענטפערט מיט זיין געווענליכן בטחון: ״אנשיל, דו זארגסט זיך שטענדיג צו פיל. מען דארף נישט מורא האבן פון יעדן שאטן. איך וועל דאס געלט אזוי גוט באהאלטן, אז אפילו די גרעסטע

גנבים וועלן עס נישט געפינען. א טייל וועל איך איינניייען אין מיין מאנטל, א טייל פארשטעקן אונטערן גארטל, און א חלק ארייןלייגן אין באהאלטענע זעקלעך ארום די פיס."

**ר'** אנשיל האט געשאקלט מיטן קאפ. "דו מיינסט אז די גנבים האבן קיינמאל נישט בייגעוואוינט אזעלכע תחבולות? זיי זוכן אין די שיך, אין די היטן, אין די לייוונגען און אין יעדן נעט פון די קליידער. אויב זיי וועלן חושד זיין אז דו האסט געלט, וועלן זיי נישט אויפהערן אזוי גרינג."

**"נו,** וואס ווילסטו טון?" האט ר' בעריש געפרעגט.

**ר'** אנשיל האט אים דערציילט אז אין דער נאענטער שטאט איז דא דער פאסט, וואו מען קען איבערגעבן פארזיכערטע פעקלעך. מען פארזיגלט דאס פעקל מיט אן אייגענעם זיגל, מען באקומט א קבלה (רעסיט), און די פאסט שיקט עס צו דער גרויסע שטאט אין א באוואכטן וואגן. ווען מען קומט אן, נעמט מען צוריק דאס פעקל קעגן דער קבלה (רעסיט).

**ר'** בעריש פרעגט ר' אנשיל וויפיל קאסט אזא שיקן?. ווען ר' אנשיל האט אים געזאגט דעם פרייז, רייסט ער אויף די אויגן מיט וואונדער.

**"אזויפיל** געלט בלויז פארן טראגן א פעקל?" רופט ער זיך אן. "אנשיל, האסטו א השגה וויפיל פונט קאווע איך קען קויפן פאר אזא סכום? איך גיי נישט אוועקווארפן מיין שווער-פארדינטע געלט אויף עפעס וואס איך קען אליין ערלעדיגן, אן אויסצוגעבן אפילו איין פרוטה."

**"דאס** איז נישט אוועקגעווארפן געלט," האט ר' אנשיל רואיג געענטפערט. "דאס איז א קליינע הוצאה כדי צו באשיצן א גרויסן פארמעגן. דו האנדלסט מיט טייערע סחורות און דו ווייסט אליין אז אמאל דארף מען באצאלן פאר א גוטן פאס, פאר א שטארקע שאכטל. דער זעלבע איז דא."

**אבער** ר' בעריש האט זיך נישט געלאזט איבעררעדן. "דו קענסט טון וואס דו ווילסט. איך וועל זיך נישט לאזן דער פאסט צונעמען אזויפיל געלט. איך בין שוין געגנוג לאנג אין ביזנעס און איך ווייס ווי אזוי מען היט אפ געלט."

**דעם** קומענדיגן אינדערפרי האט ר' אנשיל אריינגעלייגט זיין גאנצן סכום אין א שטארקע האלצערנע שאכטל. ער האט עס ארומגעוויקלט מיט א דיקן לייוואנט, פארזיגלט מיט זיין חותם און עס איבערגעגעבן פאר דער פאסט. נאכן באצאלן די פרייז האט ער באקומען א קבלה, וועלכע ער האט אריינגעלייגט אין זיין אינערליכן קעשענע. ביי זיך האט ער איבערגעלאזט בלויז עטליכע מטבעות פאר עסן, נעכטיגן און אנדערע הוצאות פאר'ן וועג.

**ר'** בעריש האט דערווייל פארברענגט שעות מיטן באהאלטן זיין געלט. א גרויסן טייל האט ער איינגענייט אין דער לייוונג פונעם מאנטל. נאך צוויי פעקלעך האט ער צוגעבונדן ארום די פיס, אונטער די הויזן. עטליכע גאלדענע מטבעות האט ער פארשטעקט אינעם הוט, און דעם גרעסטן חלק האט ער אריינגעלייגט אין א באהאלטענעם זעקל אונטערן ברייטן לעדערנעם גארטל. ווען ער האט זיך געשטעלט פארן שפיגל, האט ער אויסגעזען ווי א פשוטער סוחר אויפן וועג. "קיינער וועט נישט וויסן אז איך טראג געגנוג געלט צו קויפן קאווע און בשמים פאר א גאנץ יאר," האט ער מיט שטאלץ געזאגט.

**זיין** פרוי, וועלכע האט אים נאכגעקוקט מיט א באזארגטן פנים, האט געבעטן: "בעריש, שיק כאטש א חלק מיט ר' אנשילס פעקל. פארוואס זאלסטו אלעס טראגן אויף זיך?"

**"מאך** מיר נישט נערוועז," האט ער געענטפערט. "איך ווייס וואס איך טו. איך האב שוין געהאנדלט מיט קלוגערע מענטשן ווי די גנבים."

**פארטאגס** זענען די צוויי פריינט ארויסגעפארן אין א וואגן. אין אנהייב איז די נסיעה געגאנגען רואיג. דער פרימארגן-ווינט האט געבלאזן איבער די פעלדער, די פייגל האבן געזונגען, און די פערד האבן אין א גלייכן ריטם געצויגן דעם וואגן. ר' בעריש איז געזעסן אויפגעלייגט און האט געזאגט: "זעסטו, אנשיל? דו האסט באצאלט א גרויסן סכום פאר גארנישט. דער וועג איז אזוי רואיג ווי דער מארק-פלאץ אינמיטן דער נאכט."

**ר'** אנשיל האט נישט געענטפערט. ער האט בלויז געקוקט אויף דעם געדיכטן וואלד וואס איז געווארן אלץ נענטער. ער האט שוין אמאל געהערט פון רייזנדע, אז דער רואיגסטער וועג קען זיך אין איין רגע פארוואנדלען אין א סכנה.

**מיטאג** צייט זענען זיי אנגעקומען צו א שמאלן וועג צווישן צוויי הויכע בערג, באקאנט צווישן די סוחרים אלס "דער שווארצער דורכגאנג". די ביימער זענען דארט געוואקסן אזוי געדיכט, אז אפילו די מיטאג-זון האט קוים דורכגעדרונגען צווישן

די צווייגן. דער וואגן-פירער האט זיך איינגעבויגן, צוגעצויגן די לייצעס און שטיל געזאגט: "רבותי, דא דארף מען זיין גרייט. דער אייבערשטער זאל אונז אפהיטן."

**קוים** האט ער פארענדיגט די ווערטער, ווען א שארפער פייף האט זיך געהערט פונעם וואלד. די פערד האבן זיך דערשראקן, און א גרויסער בוים-שטאם איז אראפגעפאלן גלייך פארנט פונם וואגן. פון אלע זייטן זענען ארויסגעשפרונגען באוואפנטע גנבים מיט פארדעקטע פנימער. איינער האט געהאלטן א ביקס, אנדערע שווערדן. "אלע אראפ פונעם וואגן!" האט זייער הויפט געברימט. "ווער עס מאכט איין איבריגע באוועגונג וועט ביטער באצאלן!"

**ר׳** אנשיל און ר׳ בעריש זענען אראפגעטריבן געווארן און מהאט זיי געשטעלט נעבן דעם וואגן. די גנבים האבן אנגעהויבן אויפרייסן זעק, דורכזוכן קעשענעס און אראפנעמען הוטן. ווען זיי זענען צוגעקומען צו ר׳ אנשיל, האט דער הויפט-גנב אים געכאפט ביים קאלנער און געפרעגט: "וואס פאר א סוחר ביסטו?"

**"איך** האנדל מיט טעפיכער און שטאפן," האט ר׳ אנשיל געענטפערט.

**"און** וואו איז דאס געלט פארן יריד?"

**ר׳** אנשיל האט ארויסגענומען זיינע עטליכע מטבעות פאר הוצאות הדרך. "מער האב איך נישט ביי מיר. מיין געלט איז געשיקט געווארן פאראויס."

**די** גנבים האבן אים נישט גלייך געגלייבט. זיי האבן דורכגעזוכט זיינע ארבל, די ליינונג פונעם מאנטל, זיינע שיך און דעם הוט. איינער האט אפילו אויפגעריסן א שטיקל שטאף ביים אינערליכן קעשענע, אבער זיי האבן גארנישט געפונען. נאך א קורצע בעראטונג האבן זיי אים אוועקגעשטופט. "שטעל זיך דארט און ריר זיך נישט."

**דערנאך** זענען זיי צוגעקומען צו ר׳ בעריש. זיין פנים איז שוין געווען ווייס ווי די זעקלעך צוקער אין זיין געשעפט. ער האט געפילט ווי יעדע גאלדענע מטבע דרוקט זיך ארויס דורך זיינע קליידער און שרייט ארויס פאר די גנבים וואו זי איז באהאלטן.

**"און** דו?" האט דער הויפט-גנב געפרעגט.

**"איך** בין נאר א קליינער הענדלער," האט ר׳ בעריש געשטאמלט. "איך פאר זען צי איך קען קויפן אביסל סחורה אויף בארג."

**דער** גנב האט ארומגעקוקט אויף זיין מאנטל און געגעבן א קאלטן שמייכל. "א קליינער הענדלער? דו שמעקסט נאך פון קאווע און צימערינג, און דיין מאנטל קוקט אויס ווי ער טראגט א גאנצן אוצר."

**צוויי** גנבים האבן אים אנגעהויבן דורכזוכן. אין אנהייב האבן זיי גארנישט געפונען, און ר׳ בעריש האט פאר א רגע געהאפט אז זיין חכמה האט טאקע מצליח געווען. אבער דאן האט איינער געדרוקט אויף זיין גארטל און געפילט א הארטע, שווערע זאך. ער האט ארויסגעצויגן א מעסער, אויפגעשניטן דעם באהאלטענעם זעקל, און א שטראם גאלדענע מטבעות האט זיך אויסגעגאסן אויפן שטיינערנעם וועג.

**דער** קלאנג פון די מטבעות האט אפגעקלונגען אינעם גאנצן דורכגאנג. אלע גנבים האבן זיך אויסגעדרייט, און דער הויפט-גנב האט זיך אראפגעבויגן, אויפגעהויבן איין מטבע און זי געהאלטן צווישן זיינע פינגער. "א קליינער הענדלער, הא?" האט ער געזאגט. "וואו איז דאס איבעריגע?"

**"דאס** איז אלעס," האט ר׳ בעריש געשריגן. "איך האב גארנישט מער!"

**א** שווערער קלאפ איז אראפ אויף זיין רוקן. "דו האסט אונז שוין איינמאל געוואלט אפנארן. יעצט וועלן מיר זוכן אליין."

**זיי** האבן אויפגעשניטן זיין מאנטל און געפונען די איינגעוויקלטע געלט-פעקלעך אין דער ליינונג. דערנאך האבן זיי אויסגעטון זיינע שיך און געפונען די זעקלעך ארום די פיס. צום סוף האבן זיי אויך צעריסן דעם אינעווייניגסטן טייל פון זיין הוט, און נאך מטבעות זענען ארויסגעפאלן. יעדע נייע באהעלטעניש וואס זיי האבן געפונען האט זיי איבערצייגט אז ר׳ בעריש מוז האבן נאך מער געלט.

**"וואו** איז דאס איבעריגע?" האבן זיי געשריגן.

**"איך** האט שוין אלעס!" האט ר׳ בעריש געוויינט. "דאס איז דאס געלט פאר מיין קאווע, פאר די בשמים, פאר מיין גאנצן געשעפט. איך האב נישט מער קיין איין מטבע!"

**אבער** די גנבים האבן אים נישט געגלייבט. זיי האבן אים דורכגעזוכט איין מאל, א צווייט מאל און א דריט מאל. זיי האבן אויפגעריסן יעדן נעט, צעריסן יעדעס שטיקל שטאף און אים געגעבן אכזריות׳דיגע מכות, מיינענדיג אז פון די יסורים וועט ער ארויסזאגן נאך א באהעלטעניש. ר׳ אנשיל איז געשטאנען אויף דער זייט מיט א צובראכן הארץ, אבער ווען ער האט געוואלט צו גיין צו זיין פריינט, האט א גנב צוגעלייגט א שווערד צו זיין ברוסט.

**ערשט** ווען ר׳ בעריש איז שוין געלעגן האלב באוואוסטלאז, און די גנבים האבן געזען אז עס איז באמת נישט געבליבן קיין געלט, האבן זיי אים דארט געלאזט ליגן. זיי האבן צוזאמגענומען אלע מטבעות, ארויפגעשפרונגען אויף זייערע פערד און פארשוואונדן געווארן צווישן די ביימער. אין איין רגע איז דער וועג ווידער שטיל געווארן, ווי גלייך גארנישט וואלט דארט פאסירט. נאר דער ווינט האט גערוישט צווישן די ביימער, און ר׳ בערישס שוואכע קרעכצן האבן זיך געהערט אויפן ערד.

**ר׳** אנשיל איז גלייך צוגעלאפן, זיך אראפגעבויגן נעבן אים און געשריגן: ״בעריש! בעריש, הערסטו מיר?״ ר׳ בעריש האט שווער געעפנט די אויגן, אבער ער האט נישט געקענט ארויסרעדן קיין געהעריג ווארט. זיין מאנטל איז געווען צעריסן, זיין פנים פארבלוטיגט, און זיין גאנצער קערפער האט געציטערט פון די מכות.

**מיט** הילף פונעם וואגן-פירער האט ר׳ אנשיל אים אויפגעהויבן און ארויפגעלייגט אויפן וואגן. דער יריד, די שטאפן, די קאווע און די בשמים זענען שוין בכלל נישט געקומען אין באטראכט. מען האט זיך גלייך אומגעקערט צום שטעטל. אויפן גאנצן וועג איז ר׳ אנשיל געזעסן נעבן זיין פריינט, אים אפגעווישט דאס בלוט און געגעבן קליינע שלונגען וואסער. פון צייט צו צייט האט ר׳ בעריש געעפנט די אויגן און געמורמלט: ״איך האב געוואלט שפארן... נאר אביסל שפארן...״

**ווען** דער וואגן איז אריינגעפארן אין שטעטל, זענען מענטשן ארויסגעלאפן פון די הייזער. קיינער האט כמעט נישט דערקענט דעם צובראכענעם מענטש, דעם זעלבן ר׳ בעריש, וועלכער איז יענעם פרימארגן ארויסגעפארן פול מיט בטחון, גרייט איינצוקויפן פעסער קאווע און זעק בשמים. זיין פרוי איז צוגעלאפן צום וואגן, און ווען זי האט אים געזען פארבלוטיגט, האט זי ארויסגעלאזט א געשריי וואס האט צעריסן אלע הערצער.

**מען** האט ר׳ בעריש אריינגעטראגן אין שטוב און געלייגט אויפן בעט. דער דאקטער האט לאנגע שעות באהאנדלט זיינע וואונדן, אבער זיין גרעסטע ווייטאג איז נישט געווען פון די קלעפ. ער האט געוואוסט אז דאס געלט וואס ער האט פארדינט במשך לאנגע יארן, יעדע מטבע פון זיין קאווע-און-בשמים געשעפט, איז אין איין טאג פארשוואונדן. ער האט נישט בלויז פארלוירן זיין פארמעגן; ער האט אויך פארלוירן זיין געזונט, זיין רואיגקייט און זיין שטאלץ.

**עטליכע** טעג שפעטער איז ר׳ אנשיל אים געקומען באזוכן. ר׳ בעריש איז געלעגן פארבונדן, מיט א געשוואלענעם פנים און טרערן אין די אויגן. א לאנגע צייט האבן ביידע געשוויגן. צום סוף האט ר׳ בעריש געזאגט מיט א שוואכער, צעבראכענער שטימע: ״אנשיל, דו האסט מיר געווארנט. איך האב געהאלטן אז ווייל איך קען גוט האנדלען מיט סוחרים און אראפדריקן פרייזן, קען איך אויך אויסשפילן די גנבים. איך האב געוואלט שפארן א קליינע הוצאה, און דערפאר האב איך פארלוירן דאס געלט פאר מיין גאנצן געשעפט.״

**ר׳** אנשיל האט אים גענומען ביי דער האנט. ״א מענטש זעט אפט זייער קלאר די מטבע וואס ער דארף יעצט ארויסגעבן, אבער ער זעט נישט דעם גרויסן שאדן פון וועלכן יענע מטבע קען אים ראטעווען. ווען איך האב באצאלט פאר דער פאסט, האט מיר אויך וויי געטון די הוצאה. איך האב געטראכט וויפיל ראלן שטאף איך קען קויפן פאר דעם געלט. אבער יעצט ווייס איך אז דאס זענען געווען די בעסטע אויסגעגעבענע מטבעות פון מיין לעבן.״

**ווען** ר׳ בעריש האט זיך עטוואס ערהוילט, איז ר׳ אנשיל אליין ווייטער געפארן צום יריד. ער איז אריינגעגאנגען צו דער פאסט אינעם מארק שטאט, געוויזן זיין קבלה און צוריק באקומען זיין האלצערנע שאכטל. דער זיגל איז געווען גאנץ, די ליינוואנט נישט צעריסן, און קיין איין מטבע האט נישט געפעלט. ער איז געשטאנען דארט מיטן פעקל אין די הענט, אבער אנשטאט זיך פרייען האט ער געטראכט פון זיין גוטע פריינט, וועלכער האט געוואלט שפארן דעם פרייז פונעם שיקן און דערפאר אלעס פארלוירן.

**פון** יענעם טאג אן איז די געשיכטע פון ר׳ אנשיל, דעם שטאפן-סוחר, און ר׳ בעריש, דער קאווע-און-בשמים הענדלער,

געווארן באקאנט אינעם גאנצן שטעטל. ווען איינער האט געוואלט שפארן אויף א וויכטיגע שמירה, פלעגן די עלטערע סוחרים אים זאגן: ״געדענק ר׳ בעריש. נישט יעדע הוצאה איז א פארלוסט, און נישט יעדע שפארונג איז א רווח. אמאל איז א קליינע הוצאה די גרעסטע שמירה, און אמאל קען דאס שפארן פון איין פרוטה קאסטן א מענטש זיין גאנצן פארמעגן, זיין געזונט און זיין גאנצע רואיגקייט.״

**די** צוויי מענטשן זענען א געוואלדיגער משל אויף צוויי באזונדערע סארטן מענטשן, וועלכע פארן ביידע אויפן זעלבן וועג - דעם וועג פונעם מענטשנס לעבן - אבער יעדער איינער קוקט אן די נסיעה מיט גאר אן אנדערן בליק.

**דער ערשטער איז דער קלוגער און ערליכער מענטש. ער ווייסט זייער גוט אז עולם־הזה איז נישט דעם מענטשנס אמת׳ע און אייביגע היים. ער פארשטייט אז דער מענטש איז דא בלויז ווי א דורכגייער, וועלכער האלט זיך אויף א קורצע צייט אין א פרעמדן ארט, כדי זיך צוצוגרייטן און איינקויפן צידה לדרך פאר זיין אמת׳ן און אייביגן לעבן.** ער לאזט זיך נישט פארנארן פון דעם גלאנץ פון געלט, כבוד און פארמעגן, ווייל ער זעט ווי שנעל אלעס קען זיך איבערדרייען. היינט קען א מענטש האבן גרויס עשירות, שיינע הייזער און פיל פארמעגן, און מארגן קען ער דאס אלעס פארלירן. אמאל קומט א שאדן, אמאל א קראנקהייט, אמאל א שלעכטע געשעפט, און אמאל קומט דער לעצטער רוף אזוי פלוצלינג, אז דער מענטש האט אפילו נישט קיין צייט זיך צו געזעגענען פון דעם וואס ער האט אזוי לאנג און אזוי שווער צוזאמגעקליבן.

**דער** קלוגער מענטש טראכט דעריבער צו זיך: ״**פארוואס זאל איך האלטן מיין גאנצע פארמעגן ביי מיר, אויף א פלאץ וואו עס איז אויסגעשטעלט צו אזויפיל סכנות? פארוואס זאל איך נישט שיקן פון פאראויס צום זיכערסטן פלאץ, וואו קיינער קען עס מער נישט אוועקנעמען פון מיר?״ און ווי אזוי שיקט מען געלט פון עולם־הזה צום עולם־הבא? דורכ׳ן געבן צדקה, דורכ׳ן העלפן א צווייטן איד, דורכ׳ן שטיצן א משפחה וואס מוטשעט זיך, דורכ׳ן שפייזן הונגעריגע, דורכ׳ן אנטון ארעמעלייט, דורכ׳ן העלפן א יתום און אן אלמנה, דורכ׳ן מחזק זיין א צעבראכן הארץ, און דורכ׳ן טון חסד מיט יעדן איינעם לויט די מעגליכקייטן.**

**ווען** ער גיט אוועק פון זיין געלט פאר א צווייטן, שפירט ער נישט אז ער האט עס פארלוירן. אדרבה, ער ווייסט אז יעצט האט ער עס ערשט באמת אפגעהיטן. דאס געלט וואס ליגט אין זיין קעשענע קען פארשוואונדן ווערן, אבער דאס וואס ער האט אריינגעלייגט אין א מצוה קען אים קיינער קיינמאל מער נישט צונעמען. דאס וואס מען ניצט בלויז פאר זיך, בלייבט דא; **אבער דאס וואס מען גיט פאר א צווייטן איד, גייט מיט׳ן מענטש אויף אייביג. יעדע מטבע וואס ער גיט צדקה ווערט פאר אים אן אייביגער אוצר**, און יעדע טובה וואס ער טוט פאר א צווייטן ווערט א ליכט וואס וועט אים באלייכטן ווען ער וועט דארפן אריבערגיין פון דער וועלט צו דער אנדערע וועלט.

**אזא** מענטש ווארט נישט ביז אן ארעמאן זאל אים נאכלויפן און בעטן מיט אראפגעלאזטע אויגן. ער זוכט אליין אויף וואו מען קען העלפן. ער פרעגט זיך: ״ווער אין מיין סביבה דארף חיזוק? ווער האט נישט גענוג אויף שבת? ווער קען זיך נישט ערלויבן שכר לימוד? אמאל קען איין קליינע טובה אויפריכטן א גאנצע משפחה.

**און** ווען עס קומט זיין באשטימטע צייט, און דער מענטש ווערט פלוצלינג גערופן צו פארלאזן די וועלט, גייט ער נישט אוועק ליידיג. זיינע הענט זענען אפשר נישט אנגעפילט מיט גאלד און זילבער, אבער זיין נשמה איז אנגעפילט מיט אומשאצבארע אוצרות. ער קומט ארויף מיט אלע צדקות וואס ער האט געגעבן, מיט אלע חסדים וואס ער האט געטון, מיט אלע טרערן וואס ער האט אפגעווישט, מיט אלע הונגעריגע וואס ער האט געשפייזט, מיט אלע צעבראכענע מענטשן וואס ער האט געשטארקט, און מיט אלע מצוות וואס ער האט זיך איינגעהאנדלט במשך פון זיין לעבן.

**דאס** איז דער באדייט **פון ״בא יבוא ברנה נושא אלומותיו״. ער קומט אן אין זיין אמת׳ן היים און טראגט מיט זיך זיינע פולע בינטלעך. יעדער חסד איז א בינטל, יעדע צדקה איז א בינטל, יעדע גוטע פעולה איז א בינטל. ער זעט**

**דעמאלט ווי א קליינע מטבע וואס ער האט אמאל געגעבן פאר אן ארעמאן איז געווארן א גרויסער אוצר; ווי א שטיקל ברויט וואס ער האט געגעבן פאר א הונגעריגן איז געווארן א מליץ יושר.**

**דעמאלט** פארשטייט ער קלאר, אז דאס געלט וואס ער האט פארטיילט איז קיינמאל נישט פארלוירן געגאנגען. דאס איז טאקע דאס איינציגסטע געלט וואס ער האט באמת געראטעוועט. ער האט עס געשיקט פאראויס אין דעם אייביגן ״פאסט״, און יעצטווארט עס דארט אויף אים, גאנץ, ריין און פארמערט. די וועלט האט אים אפשר אנגעקוקט ווי איינער וואס גיט צו פיל אוועק, אבער אין אמת׳ן איז ער געווען דער איינציגער וועלכער האט געוואוסט ווי אזוי מען היט אפ א פארמעגן.

**דער** צווייטער סארט מענטש איז פונקט פארקערט. ער איז קארג, פארמאכט און שטארק פארבונדן צו זיין געלט. ער מיינט אז אלעס וואס ער גיט פאר א צווייטן איז א שאדן פאר אים. ווען מען קומט צו אים נאך צדקה, הייבט ער אן מאכן חשבונות. ער זאגט: ״איך דארף פאר מיר; איך ווייס נישט וואס מארגן וועט זיין; איך קען נישט העלפן יעדן; יענער זאל זיך אליין אן עצה געבן.״ אפילו ווען ער גיט שוין עפעס, גיט ער מיט א שווערן הארץ, מיט טענות, אדער אויף אזא אופן אז דער מקבל שפירט זיך דערנידעריגט.

**ער** האלט זיין גאנצע פארמעגן נאנט ביי זיך, ווי דער נארישער רייזנדער וועלכער האט נישט געוואלט אויסגעבן א קליינע סומע צו שיקן זיין געלט אויף א זיכערער וועג. ער טראגט דעם שווערע פעקל מיט זיך יעדן טאג. ער זארגט זיך דערפאר, ער קען נישט שלאפן צוליב דעם, ער קריגט זיך מיט מענטשן צוליב דעם, דאס געלט וואס ער מיינט אז עס דינט אים, ווערט אין אמת׳ן זיין בעל־הבית. ער פארמאגט געלט, אבער דאס געלט פארמאגט אים.

**ער פארגעסט אז דער מענטש קען נישט אונטערשרייבן קיין קאנטראקט מיט׳ן לעבן, אז ער וועט האבן צייט צו טון גוטס שפעטער. ער זאגט שטענדיג: ״ווען איך וועל האבן מער, וועל איך געבן. ווען די געשעפטן וועלן גייען בעסער, וועל איך העלפן. ווען איך וועל ווערן עלטער, וועל איך זיך מער אפגעבן מיט מצוות.״ אבער דער ״שפעטער״ קומט נישט אלעמאל.**

**און** ווען יענער טאג קומט, דארף ער אלעס איבערלאזן. די הייזער בלייבן פאר אנדערע, די געשעפטן גייען אריבער אין פרעמדע הענט, די באנק־חשבונות ווערן צעטיילט, און די חפצים וואס ער האט אזוי שטארק געהיטן ווערן פארקויפט אדער פארטיילט. ער קען נישט מיטנעמען אפילו איין מטבע. דאס גאנצע פעקל געלט, וואס ער האט זיין גאנץ לעבן געטראגן און אפגעהיטן, ווערט אים אין איין מינוט אוועקגענומען.

**ער** קומט צום עולם האמת בעירום ובחוסר כל. נישט ווייל ער האט נישט פארמאגט אין עולם־הזה, נאר דווקא ווייל ער האט אלעס געהאלטן בלויז פאר זיך. ער האט געהאט די געלעגנהייט צו שיקן פאראויס א רייכן אוצר, אבער ער האט זיך געקארגט אויף דער קליינער ״הוצאה״. ער האט געקענט געבן צדקה, העלפן אידן און אויפבויען אייביגע זכותים, אבער ער האט אלעס געהאלטן באהאלטן אין זיינע אייגענע ״קליידער״. ווען דער לעצטער שעה איז געקומען, האט מען אים אויסגעטון פון אלעס, און ער איז געבליבן ליידיג.

**דאס** איז דער געוואלדיגער מוסר־השכל: **דער מענטש דארף נישט פרעגן בלויז, ״וויפיל געלט האב איך?״ נאר בעיקר, ״וויפיל פון מיין געלט האב איך שוין פארוואנדלט אין אייביגע זכותים?״** מען דארף נישט ווארטן ביז מען וועט זיין א גרויסער עושר. יעדער מענטש קען געבן לויט זיינע מעגליכקייטן. פאר איינעם איז הונדערט דאלאר א קליינע זאך, און פאר א צווייטן איז א פאר דאלאר א מסירת נפש. דער אויבערשטער קוקט נישט בלויז אויפ׳ן סכום, נאר אויפ׳ן הארץ, אויפ׳ן רצון און אויפ׳ן הקרבה.

**מען דארף אויך געדענקען אז צדקה איז נישט קיין טובה וואס דער געבער טוט פאר׳ן ארעמאן בלבד. דער ארעמאן טוט א גרעסערע טובה פאר׳ן געבער, ווייל ער גיט אים די מעגליכקייט איבערצושיקן זיין פארמעגן צום אייביגן וועלט. דער מקבל נעמט אפשר די מטבע פאר א קורצע צייט, אבער דער זכות פון דער מצוה בלייבט ביים נותן אויף אייביג.**

**דעריבער,** ווילאנג דער מענטש האט נאך כוח, געזונט, געלט, צייט און א מעגליכקייט צו העלפן, זאל ער זיך נישט צוריק האלטן. מען זאל זיך ארומקוקן און זען וועמען מען

קען מחיה זיין. מען זאל געבן צדקה מיט א ברייטן הארץ, טון חסד מיט א שיינעם פנים, און נישט לאזן דעם צווייטן שפירן ווי א נצרך. ווייל יעדע געלעגנהייט צו טון גוטס איז א טייערער אוצר וואס דער אויבערשטער גיט אריין אין אונזערע הענט.

**דער** קלוגער מענטש איז נישט דער וואס לאזט איבער דאס גרעסטע פארמעגן אויף דער וועלט, נאר דער וואס שיקט פאראויס דאס גרעסטע פארמעגן צום עולם־הבא.

און ווען עס וועט קומען דער טאג וואס יעדער איינער מוז פארלאזן די וועלט, וועט נאר דאס מיטגיין וואס מען האט געגעבן, געהאלפן, מחזק געווען און געטון פאר אנדערע. דאס וואס מען האט געהאלטן פאר זיך וועט מען מוזן איבערלאזן; אבער דאס וואס מען האט אוועקגעגעבן לשם מצוה וועט אונז באגלייטן אויף אייביג.

**ר'** אברהם הכהן מקאליסק

כל הזכויות שמורות
למכון א משל זיך צו לערנען
אין להעתיק שום חלק מגליון זה בלי רשות המערכת

להערות והארות או לקבל הגליון מדי שבוע במייל,
musheltolearn@gmail.com